בעטער אינם משיח ישוע, וועלכע האָבן געלייגט
זייער אייגענעם האַלז פאַר מיין לעבן; וועמען נישט
נאָר איך בין דאַנקבאַר, נאָר אויך אַלע קהלות פון די
אומות־העולם; און גיט אָפּ שלום דער קהלה אין זייער
הויז און גיט אָפּ שלום מיין געליבטן עפּאַנעטוס,
וואָס איז די ערשטע פרוכט צום משיח אין אַזיען.
6 גיט אָפּ שלום מרימען, וועלכע האָט פיל געאַרבעט
7 פאַר אייערטוועגן. גיט אָפּ שלום אַנדראָניקוסן און
יוניוסן, מיינע קרובים און מיינע מיטגעפאַנגענע,
וועלכע זענען באַרימט צווישן די שליחים, און זענען
8 שוין געווען אינם משיח פאַר מיר. גיט אָפּ שלום
9 אַמפּליאַטוסן, מיין געליבטן אינם האַר. גיט אָפּ שלום
אורבאַנוסן, אונזער מיטאַרבעטער אינם משיח, און
10 מיין געליבטן סטאַכיס. גיט אָפּ שלום אַפּעלעסן, דעם
אויסגעפּרוּווטן (מאמין) אינם משיח. גיט אָפּ שלום
דעם הויזגעזינט פון אַריסטאָבולוס. גיט אָפּ שלום
11 מיין קרוב הערָאדיאָן. גיט אָפּ שלום די פון דעם
הויזגעזינד פון נאַרציסוס, וואָס זענען אינם האַר.
12 גיט אָפּ שלום טריפיינאַ און טריפאָסאַ, וואָס האָבן
שווער געאַרבעט אינם האַר. גיט אָפּ שלום די
געליבטע פּערסיס, וועלכע האָט זער פיל געאַרבעט
13 אינם האַר. גיט אָפּ שלום רופוסן, דעם אויסדער־
14 וויילטן אינם האַר, און די מוטער זיינע און מיינע.
גיט אָפּ שלום אַסינקריטוסן, פלעגאָנען, הערמעסן,
פּאַטראָבאַסן, הערמאַסן, און די ברידער ביי זיי.
15 גיט אָפּ שלום פילאָלאָגוסן און יוליאַן, נערעאוסן און
זיין שוועסטער, אויך אָלימפּאַסן, און אַלע הייליקע,
16 וואָס זענען מיט זיי. גיט אָפּ שלום איינער דעם
אַנדערן מיט אַ הייליקן קוש. אַלע קהלות פונם
משיח גיבן אייך אָפּ שלום.
17 און איך בעט אייך, ברידער, אַכטונג צו געבן